**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/10/2022 **גאווערנאר קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 230 מיליאן דאלאר אין צוגעגעבענע עסן הילף פאר ניו יארקער אין פעברואר

***אלע פאמיליעס וועלכע באקומען SNAP וועלן באקומען די מאקסימום עסן בענעפיטן***

***איבער 2.5 ביליאן דאלער אין בענעפיט צוגאבן אויסגעטיילט אין ניו יארק אין 2021***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז אלע ניו יארקער איינגעשריבן אין דעם ׳סופלעמענטאל נוטרישען הילף פראגראם׳ (SNAP) וועלן באקומען דעם מאקסימום ערלויבטע שטאפל פון עסנווארג בענעפיטן פאר פעברואר. אלע הויזגעזינדער וועלכע באקומען SNAP – אריינגערעכנט די וועלכע באקומען שוין יעצט די העכסטע מאס בענעפיטן – וועלן באקומען א צוגעלייגטע סומע שפעטער דעם חודש, אריינגיסנדיג בערך 230 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע געלטער אין די סטעיט'ס עקאנאמיע.

״די פאנדעמיע טוט ווייטער פארערגערן עסנווארג נויט לענגאויס ניו יארק סטעיט, וועלכס ווערט אנגעזען אין דעם גרויסן צאל הויזגעזינדער וואס פארלאזן זיך נאך אלץ אויף דעם לעבנס-מיטל, דער סופלעמענטאל נוטרישען הילף פראגראם,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״די נויטיגע עסנווארג בענעפיטן שפילן אן אינטעגראלע ראלע אין העלפן ניו יארקער לייגן עסן אויפ׳ן, צושטעלנדיג העכסט-נויטיגע פארלייכטערונג אזוי ווי מיר נעמען ווייטער אגרעסיווע מאסנאמען אין אונזער קאמף קעגן קאָוויד-19.״

די עמערדזשענסי צוגעלייגטע הילף וועט צוגעשטעלט ווערן פאר פאמיליעס וועלכע באקומען נישט געווענטליך די מאקסימום ערלויבטע בענעפיטן פער חודש פון SNAP – א פעדעראל-פינאנצירטע פראגראם וואס ווערט אויפגעזען דורך די סטעיט'ס אפיס פון צייטווייליגע און דיסעביליטי הילף. יענע הויזגעזינדער וועלכע באקומען שוין נאענט צו דער מאקסימום בענעפיט שטאפל — 835 דאלער פאר א הויזגעזינד מיט פיר מיטגלידער — וועלן באקומען א צוגעגעבענע באצאלונג פון וויניגסטנס 95 דאלער.

SNAP הויזגעזינדער אין אלע קאונטיס אינדרויסן פון ניו יארק סיטי דארפן צו זען די בענעפיטן אריינקומען צווישן מיטוואך, יאנואר 17, און ביז׳ן ענדע טאג פרייטאג, פעברואר 17. די SNAP הויזגעזינדער אין דעם פינף-קאונטי ניו יארק סיטי ראיאן דארפן צו זען זייערע בענעפיטן אריינקומען צווישן דאנערשטאג, פעברואר 10 און פרייטאג פעברואר 25.

אנגעהויבן אין אפריל 2020, האט OTDA אנגעהויבן ארויסגעבן די עמערדזשענסי סופלעמענטאלע בענעפיטן צו SNAP הויזגעזינדער וועלכע באקומען וויניגער ווי די מאקסימום מאנאטליכע בענעפיט סומע. ווען ניו יארק סטעיט׳ס עמערדזשענסי דעקלעראציע האט עקספירירט אין יוני 2021, האט דער אגענטור סוקסעספול געארבעט מיט דער פעדעראלער רעגירונג צו פארשאפן די מאקסימום צוטיילונג פאר אלע SNAP הויזגעזינדער ביז ווען עס לויפט אפ דער פעדעראלער דעקלעראציע, וואס איז איצט ערווארטעט זיך אריינצוציען ביז מאי.

פאראיאר אליין האט OTDA אויסגעטיילט אומגעפער 2.5 ביליאן דאלער אין בענעפיט צוגאבן. באלד 1.6 מיליאן הויזגעזינדער אין סך הכל פון איבער 2.7 מיליאן ניו יארקער האבן באקומען די צוגאבן אין דעצעמבער.

SNAP בענעפיטן שפילן אויך אן אינטעגראלע ראלע אין ניו יארק׳ס עקאנאמישע ערהוילונג, וויבאלד יעדע פעדעראלע דאלער אינוועסטירט ברענגט ביז 1.54 דאלער אין עקאנאמישע אקטיוויטעט, לויט א פעדעראלע שטודיע וואס ציילט די תוצאות פון SNAP אויף דער אמעריקאנער עקאנאמיע. די שטודיע האט אויך געפונען אז נאך 1 ביליאן דאלער אינוועסטירט אין נייע SNAP בענעפיטן קענען אויסהאלטן בערך 13,560 דזשאבס איבערן לאנד.

**OTDA אמטירנדע קאמיסיאנער דעניעל דאָבליו. טיעץ האט געזאגט,** ״קיין איין ניו יארקער זאל נישט איבערגעלאזט ווערן זיך צו זארגן צי זיי האבן די מיטלען צו שפייזן זייער הויזגעזינד. די בענעפיט צוגאבן האבן געשפילט א קריטישע ראלע אין העלפן הונדערטער טויזנטער הויזגעזינדער לענגאויס אונזער סטעיט זיך אן עצה צו געבן און פארמיידן עסנווארג-נויט.״

אזוי ווי אין פריערדיגע חודשים, וועלן די באצאלונגען געשיקט ווערן דירעקט צו די עקזיסטירנדע עלעקטראנישע בענעפיט טראנספער אקאונטס און קענען ארויסגענומען ווערן מיט זייערע עקזיסטירנדע EBT קארטלעך. פונקט ווי די געווענטליכע SNAP בענעפיטן, וועלן די צוגעלייגטע בענעפיטן קענען גענוצט ווערן צו קויפן עסן ביי אויטאריזירטע ריטעיל עסן געשעפטן. סיי וועלכע נישט אויסגעניצטע SNAP בענעפיטן וועלן אויטאמאטיש אריבערגעפירט ווערן צו דעם פאלגנדן חודש.

געפונט מער אינפארמאציע איבער די עמערדזשענסי SNAP בענעפיט צוגאבן, ארייננגערעכנט ענטפערס אויף אפט געפרעגטע פראגעס, דא. ניו יארקער קענען נאכקוקן זייער בארעכטיגקייט פאר SNAP און זיך ווענדן אָנליין, דורך באזוכן mybenefits.ny.gov.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן